**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 4/2/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול גיבט ארויס פראקלאמאציע דעקלערנדיג אפריל אלץ 'חודש פון דעם מיליטער קינד' צו אנערקענען קינדער וועלכע זענען אפגעזונדערט פון זייערע עלטערן וועלכע זענען אויף אקטיווע מיליטער דינסט

***די הייסט אז וויכטיגע סטרוקטורן אריבער ניו יארק סטעיט זאלן באלאכטן ווערן אין פורפל אויף זונטאג, אפריל 2***

***ניו יארק סטעיט דעפּארטמענט פון וועטעראנען'ס סערוויסעס וועט אפהאלטן ווירטועלע און פנים-אל-פנים געשעענישן דורכאויס דעם חודש פאר מיליטער קינדער און זייערע פאמיליעס***

***מיליטער פאמיליעס קענען זיך רעגיסטרירן פאר די אומזיסטע געשעענישן דורכן שיקן אן אימעיל צו DVSInfo@veterans.ny.gov***

***לייענט פראקלאמאציע דא***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט ארויסגעגעבן א פראקלאמאציע אנערקענענדיג אפריל אלץ דעם 'חודש פון דעם מיליטער קינד', און זי האט געהייסן אז וויכטיגע סטרוקטורן ארום ניו יארק סטעיט זאלן באלאכטן ווערן אין פורפל אום זונטאג, אפריל 2, צו אנערקענען קינדער וועלכע זענען אפגעזונדערט פון זייערע עלטערן וועלכע זענען אויף אקטיווע מיליטער דינסט. די סטעיט דעפּארטמענט פון וועטעראנען'ס סערוויסעס (Department of Veterans' Services, DVS) וועט אויך אפהאלטן ווירטועלע און פנים-אל-פנים געשעענישן פאר מיליטער קינדער און זייערע פאמיליעס דורכאויס דעם חודש. מיליטער פאמיליעס קענען זיך רעגיסטרירן פאר די אומזיסטע געשעענישן דורכן שיקן אן אימעיל צו DVSInfo@veterans.ny.gov.

"ניו יארקער בלייבן איבערגעגעבן צו זיכער מאכן אז אקטיווע מיליטער מיטגלידער ווערן געזעהן, אויסגעלויבט און אפלאדירט פאר זייער אויסערגעוויינטליכע ארבעט פאר די גוטס פון אונזער לאנד," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דאס מיינט אפט אז טייערע צייט צו פארברענגען מיט די פאמיליעס איז אפילו נאך מער טייער. איך וויל אנערקענען און באדאנקען די פאמיליעס פון מיליטער מיטגלידער אויף דעם חודש פון דעם מיליטער קינד, און איך האף אז זיי קענען הנאה האבן פון די פילע געשעענישן וועלכע ווערן אפגעהאלטן אריבער די סטעיט."

**ניו יארק סטעיט דעפּארטמענט פון וועטעראנען'ס סערוויסעס קאמישאנער, וויוויאנא דעקאָוהען, האט געזאגט,** "קיינער פארשטייט נישט די באדייט פון דינסט און מסירות נפש בעסער פון אונזערע מיליטער פאמיליעס און קינדער. יעדן טאג ווערן זיי געבעטן צו מוותר זיין אויף געוויסע פריווילעגיעס וואס מיר קוקן אפט אן ווי זעלבסט-פארשטענדליך. עס איז אונז א כבוד זיי צו קענען אנערקענען און פייערן דעם חודש פון דעם מיליטער קינד פאר זייערעביישטייערונגען צו אונזער סטעיט און לאנד."

די פאלגנדע וויכטיגע סטרוקטורן וועלן באלאכטן ווערן זונטאג, אפריל 2, אוונט:

- וואן ווארלד טרעיד צענטער
- גאווערנאר מאריאו מ. קאומאו בריק
- קאַסיאָסקאָו בריק
- די ה. קארל מעקאל SUNY געביידע
- סטעיט עדזשוקעישען געביידע
- אלפרעד ע. סמיט סטעיט אפיס געביידע
- עמפייער סטעיט פלאזא
- סטעיט פעירגראונדס - הויפט אריינגאנג טויער און עקספא צענטער
- ניאגארא וואסערפאלן
- דער "פראנקלין ד. רוזוועלט" מיד-האדסאן בריק
- אלבאני אינטערנאציאנאלע לופטפעלד אריינגאנג
- MTA LIRR - מזרח זייט טויער ביי פען סטאנציע
- פעירפּארט ליפט ברידזש איבער דעם ערי קאנאל
- מויניהאן באן האל

די דעפארטמענט פון וועטעראנען'ס סערוויסעס איז אויך אריין אין א שותפות מיט ביזנעסער און אינסטיטוציעס ארום ניו יארק סטעיט צו אפהאלטן די פאלגנדע ווירטואלע און פנים-אל-פנים געשעענישן פאר מיליטער קינדער און פאמיליעס — אלע פון וועלכע זענען אומזיסט:

- **PM 1:00 שבת, אפריל 22 (אויף די אינטערנעט און פנים אל פנים): אויסשליסליכע טור פון די USS סלעיטער אין אלבאני** - די USS סלעיטער איז די לעצטע דעסטראיער עסקארט שיף אויף די וואסערן אין די פאראייניגטע שטאטן. זעהט ארום די גאנצע שיף, פון די מאטאר צימער ביז די קאפיטאן'ס בריק, לערנט וויאזוי די לעבן האט אויסגעקוקט פאר די מאטראזן וועלכע האבן געדינט אויפן דעק פון די סלעיטער דורכאויס דעם צווייטן וועלט קריג, און באקומט א געפיהל פון וואס אייערע טעגליכע אויפגאבן וואלטן מעגליך געווען אויב איר וואלט געווען א מיטגליד פון די מאנשאפט אין יענע צייט.
- **PM 12:30 זונטאג, אפריל 23 (אויף די אינטערנעט און פנים אל פנים): באזוכט די בעיבי אזיאנע עלעפאנט צווילינג פון די Rosamond Gifford טירגארטן אין סירעקיוס** - די טירגארטן האט לעצטנס ענטפאנגען בעיבי אזיאנע עלעפאנט צווילינגען. באקומט א טור ארום די טירגארטן און באזוכט די צווילינגען און אנדערע חיות וועלכע וואוינען דארטן.
- **AM 10:00 שבת, אפריל 29 (אויף די אינטערנעט און פנים אל פנים): פריוואטע טור פון די Yankee סטאדיום אין די בראנקס -** באזוכט טיילן פון די אייקאנישע באל פארק וואס נאר פראפעסיאנאלע באל שפילער קענען געווענטליך זעהן. עס וועלן זיין געוואלדיגע געלעגענהייטן צו כאפן בילדער פאר די וועלכע פלאנירן זיך צו באטייליגן פערזענליך.
- **PM 12:30 זונטאג, אפריל 30 (אויף די אינטערנעט און פנים אל פנים): פריוואטע טור פון די Oheka פאלאץ אין קאלד ספרינג הארבאר** - די פראנצויזישע סטיל פאלאץ זיצט אין מיטן פון 443 אקער אויף די העכסטע פלאץ פון לאנג איילענד. דורכאויס די באגילדעטע עפאכע פון די 1920'ער יארן איז די פאלאץ געווען א סצענע פון רייכע באלן, און עס האט רעגלמעסיג אונטערגעהאלטן קעניגליכע פאמיליעס, לאנד פירער און בארימטע מענטשן פון האליוואד. עס האט שפעטער געדינט אלץ די לאקאציע פון א רעגירונג טרענירונג סקול פאר Merchant Marine ראדיאו אפעראטארן.

**איבער די דעפּארטמענט פון וועטעראנען'ס סערוויסעס**

די ניו יארק סטעיט דעפּארטמענט פון וועטעראנען'ס סערוויסעס – וואס האט געדינט אלץ די סטעיט'ס שתדלנות אגענטור פאר וועטעראנען, מיליטער מיטגלידער און מיליטער פאמיליעס זינט 1945 – האלט זיך צו א פארפליכטונגנקייט אין די אגענטור צו דינען אלע וועטעראנען, מיליטער מיטגלידער און מיליטער פאמיליעס מיט א ברייטע רייע פון סערוויסעס, אריינרעכענענדיג מיט קלעימס און אפעלירונגען פאר בענעפיטן פון די פאראייניגטע שטאטן דעפּארטמענט פון וועטעראנען אנגעלעגנהייטן (Department of Veterans Affairs), אפעלירונגען פאר די טיטל נאכן באפרייט ווערן צו די פאראייניגטע שטאטן פארטיידיגונג דעפּארטמענט (Department of Defense) און מיט קלעימס פאר ניו יארק סטעיט בענעפיטן. וועטעראנען, מיליטער מיטגלידער און מיליטער פאמיליעס ווערן געמוטיגט זיך צו פארבינדן מיט די דעפּארטמענט אויף 888-838-7697 אדער אויף איר וועבזייטל זיך צו טרעפן מיט א טרעניר‏טער וועטעראנען בענעפיטן אדווייזאר – פערזענליך אדער אויף א ווירטואלן פארנעם – צו אדרעסירן זייערע באדערפענישן און צו באקומען די פולשטענדיגע סומע פון בענעפיטן וואס עס קומט זיך זיי.

פאַלאָוט די DVS אויף Facebook, Instagram און Twitter.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו קאמער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן